# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
“In Droysn Fun Der Velt” fun Moyshe Shteynbart (“Outside of the World” by Moshe Steinbart)

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/99t5q1pc

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

### Author
Gutman (Goodman), Shaul (Saul)

### Publication Date
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# אין דרויסן פון דער וועלט

## (וועגן דיכטער משה שטיינגאַרט)

### I

יעדעס מאָל ווען איך דאַרף שרייבן וועגן אַ יידישן דיכטער, וואָס איז נישט פּאָפּולער פיל איך זיך אַביסל אַפּאָלאָגעטיש; איך פיל אַז איך דאַרף אויפסנייִ באַווייזן מיט וואָס פּאָעזיע איז אַ וויכטיקער צווייג פון דער יידישער קולטור, און וואָסער פונקציע זי פילט אויס אין לעבן פון אַ פאָלק ווי אונדזערס — זאַכן וואָס וואָלטן געדאַרפט זיין איבעריק צו באַווייזן.

אונדזער עולם האָט געקענט און ליב געהאַט די לידער פון די אַרבעטער־פּאָעטן עדעלשטאַט, באָווישאָווער און מאָריס ראָזענפעלד; שפּעטער דעם פאָלקס־דיכטער רייזען. די אַלע דערמאָנטע און נאָך אַנדערע דיכטערס אין יענע עפּאָכע האָבן געגעבן אויסדרוק איין זייערע לידער דעם פאָלקס דעמאָלטיקע נויטן, בענקשאַפטן, און שטרעבונגען. ס'איז צום גרעסטן טייל געווען אַ סאָרט זשורנאַליסטישע פּאָעזיע, וואָס יעדער איינער האָט „פאַרשטאַנען". און דערצו האָט מען זי געקענט דעקלאַמירן ביי עפנטלעכע געלעגנהייטן. אָבער וואָס ראַפינירטער און סובטילער די יידישע פּאָעזיע איז געוואָרן אַלץ ווייניקער פּאָפּולער איז זי געוואָרן. מאַני־לייב, זישא לאַנדוי, גלאַטשטיין און לעיעלעס — צו דערמאָנען בלויז עטלעכע פון די באַרימטסטע — האָבן שוין נישט געהאַט קיין ברייטן לייענער־עולם. לייוויק איז געוואָרן פּאָפּולער דער עיקר אַ דאַנק זיינע דראַמעס וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין טעאַטער: „שמאַטעס", „מהר"ם ראָטענבערג", „די חתונה אין פערנוואַלד"; צום טייל אויך אַ דאַנק זיין רעדנערישן טאַלאַנט, און זיינע משיחישע גאולה־מאָטיוון וועגן ייד־ און וועלט־דערלייזונג, מיט וועלכע זיינע ווערק זיינען געווען דורכגעדרונגען. גלאַטשטיינס פּאָפּולאַריטעט האָט אַ סך צוגעהאָלפן זיין זשורנאַליסטיק אין די טאָג־בלעטער, וואָס מען פלעגט אָפט לייענען.

לויט דעם אַמעריקאַנער יידישן קריטיקער אירווינג האַו, האָט דער יידיש־ליטעראַרישער אַוואַנגאַרד אין אַמעריקע, וואָס איז באַשטאַנען פון רעבעלן און נאָנקאָנפאָרמיסטן, זיך נישט געפילט פריי צו שרייבן מיט אַן אויג צו די האָריזאָנטן פון זייער פאַנטאַזיע, נאָר גיכער צו די באַגרענעצונגען פון זייערע לייענערס. איך בין מסופק צי האַו איז גערעכט בנוגע אַלע „יונגע", און נאָך ווייניקער בנוגע די אינזיכיסטן; לעיעלעס און גלאַטשטיין האָבן זיך ווייניק גערעכנט מיט די באַגרענעצטע השגות פון דורכשניטלעכן צייטונגס־לייענער — אַ סימן: זיי זיינען געווען נאָוואַטאָרן אין פאָרם און אין אינהאַלט פון זייערע לידער.

אָבער צי איך זייט מסכים מיט האַו'ס מיינונג, אָדער נישט, איז עס זיכער נישט אָנווענדבאַר אויף משה שטיינגאַרט, וועלכער געהערט צום אַוואַנגאַרד פון דער יידישער פּאָעזיע: זיין ליד איז שטיל, נישט דעקלאַמאַטאָריש; די שפּראַך איז רייך אין חידושים, פול מיט אָריגינעלע וואָרט־שאַפונגען, און דאָך פאָלקסטימליַך־פשוט דורכזיכטיק. ער געהערט צו די אינטעלעקטואַליסטישע דיכטערס וועלכע קענען טראַנספאָרמירן אַ געדאַנק אין אַ שטימונגספול ליד, וואָס איז דורכגעשנירלט מיט געצוימטער, נישט צעגאָסענער עמאָציע.

### II

משה שטיינגאַרט איז געקומען פון פוילן קיין אַמעריקע אין עלטער פון פופצן יאָר; ער האָט דאָ געלערנט, און איז אַן אינעווייניקסטער אין ביידע וועלטן: אי אין דער יידישער, אי אין דער אַמעריקאַנער קולטור. ער איז אַ קענער פון דער אייראָפּעישער און אַמעריקאַנער פּאָעזיע, און במשך אַ ריי יאָרן איז ער געווען דער

רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישן זשורנאַל „ווייטער". דאָס איצטיקע בוך לידער: „אין דרויסן פון דער וועלט" איז דאָס צווייטע בוך וואָס דער דיכטער האָט פאַרעפנטלעכט. זיין ערשט בוך: „אַליין", דערשינען אין 1950, האָט באַוויזן אַז שטיינגאַרט איז אין זיין דיכטערישן מהות קרוביש צו די „יונגע", און די אימזיכיסטן, און אַז ער פאַרמאָגט טאַלאַנט און פּאָעטישע קולטור. אָבער די לידער האָבן געליטן פון צופיל „קלאָרקייט". הגם צוויי אָפּטיילונגען אין ערשטן בוך זענען באַטיטלט „אַליין", געפינען מיר דאָרט אַ סך ווייטערדיקע אָפּרופן אויף אונדזער דריטן חורבן.

אין איצטיקן בוך איז קענטיק אַז דער דיכטער איז געוואָרן במשך דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט פאַרטיפטער, רעזיגנירטער, „אַליינזאַמער" — ווי ער האָט ליב צו זאָגן: און זיין פּערזענלעכקייט—דינער, פאַרהוילענער, רמזימדיק. ער איז דאָ דער עיקר באַשעפטיקט מיט זיין אינעווייניקסטער וועלט, מיט זיין יחידישער עקזיסטענץ, מיט זיינע ראַנגלענישן ווי־זאָ־ווי דער אייביקייט — דילעמעס וואָס זענען נישט בלויז זיינע, נאָר אונדזער אַלעמענס וואָס לעבן אין אַ וועלט פון אַנגסט, שפּאַנונג, פאַרלוירענע אילוזיעס און ברוטאַליטעט.

מיינע טעג מיט אַזוי פיל האָפן אויסגעציטערט
זענען שוין דאָ —
זיי קוקן מיט גרויל פון מיינע אויגן אַרויס.

די וועלט איז אַזוי קליין געוואָרן
אַ יעדן איז ענג —
נאָר איך קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן.

דער שטורעם און דראַנג פון שווינדלדיקע דזשעטן
וויכערן און טרייסלען
דאָס ציטערדיקע דרויב היגטער מיין דינער הויט.

דער פּחד פון יאָגנען און אַטאָמען איז געפאַלן אויף מיר,
דער מאָרגן איז אָפּגעשטעלט —
גאָט, גיב מיר כוח פאַר דיר תהילים צו זאָגן.

פאַר אַ דיכטער, אַן אַליינגייער, איז כאַראַקטעריסטישדער נאָמען פון בוך „אין דרויסן פון דער וועלט". נאָך דעם ווי ער, ווי מיר אַלע, האָבן פאַרלוירן אַ סך פון אונדזערע אַמאָליקע אילוזיעס, פילט ער זיך אין דער וועלט אַ פרעמדער, און אין דער אָפּגעפרעמדקייט, פאַרלוירנקייט און פאַרצווייפלונג דערמאָנט ער שטאַרק אין דעם דענישן דיכטער־פילאָסאָף, קיערקעגאַרד, וועמען ס'האָט פאַרפאָלגט די טראַגיק פון מענטשלעכן לעבן. אַ גאַנצע ריי לידער אין דעם בוך רופן זיך איבער מיט קיערקעגאַרדס אַנונגען און אַריינבליקן אין דעם מענטשנס קלעם. דער דענישער העלזעער האָט געהאַלטן אַז דער יחיד לעבט אויף צוויי פלאַכן: אין צייט און אין דער אייביקייט; אין זיין צייט עקזיסטירט ער ווי אַ מיטגליד פון כלל, אָבער אין דער אייביקייט עקזיסטירט בלויז דער יחיד אין אַבסאָלוטער איינזאַמקייט. צוליב דער שטענדיקער שפּאַנונג אין וועלכער דער מענטש לעבט, דערפאַר איז ער אָנגעפילט מיט פּחד און ציטערניש; דעריבער דאַרף זיך דער מענטש ווענדן מיטן פּנים צו זיך, צו אינטראָספּעקציע:

אַזוי אַליין ווי דו ביזט אַצינד—
איז נאָר די נאַכט אין וואַלד
די נאַכט, וואָס הויבט זיך איצט איבער דיר,
דער דינער טרויער,
וואָס גייט איצט אויף אין דיר,
אין דיין אָפּגעשפּאַרטער לוין —
לעב זיך אַריין, אי אין דער נאַכט,
אי אין דעם טרויער.

די שטילקייט, וואָס שרעקט דיך אַצינד
נעענטערט זיך צו דיר פון בוים,
פון גראָז דעם אויפגעגרינטן,
וואַרט, באַלד וועט די שטילקייט אויך אַריין אין דיר,
די נאַכט וועט זיך אַריבערבייגן איבער דיר,
דער טרויער פון אַלע דרימלענדיקע זאַכן

וועט דיך דורכדרינגען —
און דו וועסט זיין.

ווי אַ דיכטער מאָדערניסט איז שטיינגאַרט אומאויפהערלעך פאַרנומען מיט דער יחידישער עקזיסטענץ, מיט דעם זין פון מענטשנס לעבן, מיט זיין פאַרגענגלעכקייט, מיט די אולטימע רעאַליטעטן פון זיין גורל. פאַר אים איז זיין ליד אַן אויסדרוק פון אַן אינערלעכן קריזיס, וואָס איז אויך אַ סימבאָלישע פאַרקערפּערונג פון אַלגעמיינעם קולטור־קריזיס אין דער וועלט, און ספּעציעל ביי אונדז יידן. דער מעטאַפיזישער דיכטער וועלכער קען ניט שלום מאַכן מיט דעם מענטשנס צייטווייליקער עקזיסטענץ געפינט נישט קיין טרייסט און קיין שלווה אין דעם „סאָציאַלן מענטש". ווי אַ סך פון אונדז האָט ער פאַרלוירן די אמונה און דעם דרך־ארץ פאַר די מאַסן, פאַרן המון מיט זיינע קליקעס:

קער זיך אָפּ פון זיי,
גיי אַוועק מיט שטילע טריט,
דיין באַזונדער איז זיי אין וועג,
זיי דערקאָנען זיך נאָר אין צוזאַמענס,
אין זשומיקן פּרעפּל פון זייער ענגן
ציבור
ווערן פון גאָרער פרומקייט אַלע ריינ־
קייטן פאַרשוועכט.

הינטער דיר וואָיעט אַ ווערטער ווינט,
דיין מויל וועט מיט זאַמד פאַרפּריש־
טשעט ווערן,
ווען דו וועסט אַ זילב אויף דער צונג
אַרויפנעמען.
זיי האָבן פאַרמעקלערט דאָס וואָרט
אויף לויטן און קווינטן
און פאַרלויפן די מאָרגנס מיט געלויב
צו אייגענע געביינען —
די אייביקייט זאָל אַ בלאַט געפינען
די שרייענדיקע נאַקעטן צו פאַרדעקן.

נאָך שאַרפער איז דער מאָטיוו אויס־אויסגעדריקט אין ליד „דער שד". אָבער ס'וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען אַז דער דיכטער לעבט ערגעץ אין אויסווייניקסטן רוים, אָדער אין אַ חלל; ניין! ער לעבט אין אונדזער צערודערטער צייט, און אויף אונדזער זיך טרייסלענדיקן פּלאַנעט. און דווקא דערפאַר וואָס זיינע לידער פאַרנעמען זיך מיט „אייביקע" פּראָבלעמען, דערפאַר שפּיגלען זיי אָפּ אונדזער דור, אַ דור וועלכער האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין אַלע צוגעזאָגטע גן־עדנס — די וועלטיקע און יענע־וועלטיקע.

דער דיכטער ווייסט אַז די בעסטע סאָציאַלע אָרדנונג וועט נישט אויסהיילן אַלע מענטשלעכע ווונדן, און נישט אָפּשאַפן די טראַגישע דימענסיע אין יחידס עקזיסטענץ; אָבערדאָס מיינט נישט אַז ער זעט נישט די וועלט מיט אירע טאָג־טעגלעכע נויטן. ער איז אַ יידישער דיכטער, ווי ער זאָגט אין זיין ליד צו י. ל. פּרץ:

האָסט מיך געלערנט זען די וועלט
מיט יידישע אויגן,
איך בין נאָך דעמאָלט אַ קינד געווען,
די וועלט איז נאָך אין ערגעץ געווען,
ווען כ'האָב זי מיט יידישע אויגן דערזען
איז מיר אַ גרויס רחמנות אויף איר
געוואָרן.

## III

ווי אַן עכטער, ראַפינירטער פּאָעט, וואָס שלייפט יעדע שורה אין ליד, ווייסט שטיינגאַרט דעם סוד פון וואָרט, און ער אַנטלויפט פון קאָנווענציאָנעלע פאָרמען און שאַבלאָנען. ער שרייבט אין פרייען פערז, און זיין ליד איז פול מיט אָריגינעלע מעטאַפאָרן און אימאַזשן. עס איז קענטיק אַז ער איז שטאַרק באַוווסטזיניק וועגן דעם אַז פּאָעזיע איז קודם כל די קונסט פון שפּראַך, פון ווערטער־קאָמבינאַציעס וואָס פּראָדוצירן אין לייענער אַן איבערלעבונג, אַ שטימונג, דערהייבונג. און ווי יעדער עכטער פּאָעט זינגט ער אין אַ ריי לידער — און זיי זיינען צווישן די לירישסטע — ווי די מוזע האָט זיך צו אים באַוויזן:

און ס'איז געווען, היינט — מיט אור,
אור צוריק,
האָב איך דערזען מיין שאָטן ציטערן
אין ליכט,
דאָס ליכט האָט לויטער געבעלענדט
אין מיין בליק —

כ׳האָב דערזען מיין געשטאַלט גאָר אומגעריכט.

ס׳וואָרט האָט צו מיר אין פייער זיך באַוויזן,
איך האָב געזען דעם פלאַם קריצן אות נאָך אות,
זיין העלע שיין האָט מיין געזיכט באַלויכטן —
מיין פּנים האָט אין קלאָרן פלאַם מיך דערזען.

דער פלאַם איז געשטיגן און האָט מיך דערהויבן,
די הייך פון הימל איז באַנט געוואָרן מיט מיר,
כ׳האָב זיך דערזען אין אָנבליק פון דער וועלט
און דערשפּירט דעם פלאַטער פון זיין געפּאַרכט.

מיין טראָט האָט מיט ציטער גענענט צום פלאַם —
איך האָב דערהערט דעם קלאַנג פון מיין אייגן קול.

יאָ, דעם קלאַנג פון זיין אייגן קול הערן מיר אין אַלע לידער פון בוך. פאַראַן דאָ אַ סך שיינע, לירישע לידער: „אין וואַלד״, „פאַראַן״, „דאָס וואָרט״, „זיי שטיל״, „דער דור פאַר מיר״, און נאָך אַנדערע. ווי שוין געזאָגט, האָט שטיינגאַרט אַ סך נייע אויס־דרוקן און שפּראַכלעכע איינפאַלן. אָט זיינען עטלעכע מוסטערן: „איך רעשטל זיך טעגלעך אויס; פון די צווייגן טראָפּנט אַראָפּ די זון; פרילינג וועטערט זיך אַריין אין דער וועלט; אַלע אויסגעוואָרענע צו־זאַמענשאַפּטן.״ ווי אַ מומחה אין דער פּערז־קונסט ווייסט ער און ער באַוויזט דאָס אין די לידער אַז „בלויז מיט ציטער פאַר יעדן אות באַזונדער, איז דיר באַ־שערט צום גאַנצן וואָרט צו דערגרייכן.״

ציטנוויץ באַפאַלט אים, ווי אַנדערע יידישע דיכטערס, אַ דערדריקנדיק געפיל אַז עס האַלט ביים סוף, אַז ס׳איז כלו כל הקיצין, ס׳האָבן זיך אויסגעלאָזט אַלע האָפענונגען:

פון אבילות ביז אבילות
שטאַרב איך אויס מיין דור.
אַ שוידער טראָפּנט מיין הויט
און מערט דעם גרויל אין מיר
דער לעצטער פון אַ דור צו זיין.

כ׳ווייס גאַנץ ווויל ס׳איז נישטאָ
קיין ערשטער און קיין לעצטער—
יעדערער לעצטער ווערט אַן ערשטער
מיט וועמען ער הייבט זיך אָן פון ס׳ניי—
אַזוי איז די וועלט געגרינטפעסטיקט געוואָרן.

אַוודאי איז אים גוט באַוווסט ווי פאַר־אָרעמט די יידיש־שעפערישע־סביבה איז געוואָרן במשך די לעצטע יאָרן, און ווי שווער ס׳איז די מערכה פון יידישן פּאָעט. פון דעסטוועגן פאַרענדיקט ער זיין פּראַכטפולן פּראָפיל פון ‚ריטער אין יידיש״ / מיט לעיעלעסן אין סענטראַל פּאַרק / מיט אַ טרייסטוואָרט פון זיין עלטערן קאָלעגע, אַז ס׳האַלט נאָך נישט חלילה ביים סוף, אפילו ווען ס׳ווייזט זיך אונדז אויס אַז מיר האַלטן שוין ביים האַרבסט פון אונדזער יידיש־קולטור:

דער האַרבסט נעמט איבער די פאַרבן פון זומער,
צעבלענדט זיך איבער הימל מיט געפאַלענער זון
און ווייזט זיך פאַר אונדז מיט אייגענעם קאָליר—
נאָר דער וואָס זעט, ווייסט ווי ס׳גלייכט זיך אויס
דער ווידעראַנאַנד, וואָס גייט פאַרביי זיין אָפן אויג.

נישט געאיילט, מיר בלייבן נאָך אַלץ וואַכע היטער,
וואָס קוקן אַלענע אומעטן פונעם האַרבסט אַריבער.
האַרבסט איז נישט קיין סימן, האַרבסט איז נאָר אַ זמן.
מיר קאָנען גאַנץ שמיאַלע שטעלן אונדזערע טריט,
און מיט גלייכן קאָפּ די מאָרגנס אַנטקעגן גיין.

יאָ, יידישע פּאָעטן זיינען וואַכע היטער „וואָס קוקן אַלענע אומעטן פון האַרבסט